נומער 9

<u>ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו  א ר ד ע ר</u>

**צו דערקלערן א דיזעסטער אין די קאונטיס פון בראנקס, ברום, טשענאנגא, דעלעווער, גרין, קינגס, מאנטגאמערי, נעסאוי, ניו יארק, אראנדזש, אטסעגא, פוטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סקענעקטעדי, שאוהארי, סופאלק, סאליוועו, טיאגע, אולסטער, וועסטשעסטער, און באהאפטענע קאונטיס.**

**אזוי ווי,** אום אקטאבער 25, 2021 און אנגייענדיג דערנאך איז ערוואַרטעט אז שווערע רעגנגאס וועט שאפן געפארפולע אומשטענדן אין ניו יארק סטעיט וועלכס וועט שטעלן אין באלדיגע געפאר פובליק טראנספארטאציע, יוטיליטי סערוויס, פובליק געזונטהייט, און פובליק זיכערהייט סיסטעמס אינערהאלב די קאונטיס בראנקס, ברום, טשענאנגא, דעלעווער, גרין, קינגס, מאנטגאמערי, נעסאוי, ניו יארק, אראנדזש, אטסעגא, פוטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סקענעקטעדי, שאוהארי, סופאלק, סאליוועו, טיאגע, אולסטער, וועסטשעסטער, און באהאפטענע קאונטיס.

**אזוי ווי,** דער שטורעם איז ערוואַרטעט צו ברענגען שווערע רעגנגאס און הויכע ווינטן וועלכע קענען פאראורזאכן ענערגיע אויסלעש אינצידענטן, אראפגעפאלענע ביימער, לאקאליזירטע פלעש-פלאָד אינצידענטן, ראוד פארשליסונגען, רייזע צושטערונגען, און שאדן צו פובליק און פריוואטע אייגנטום לענגאויס די אפעקטירטע ערטער, וועלכס וועט שטעלן אין געפאר די פובליק געזונטהייט און זיכערהייט.

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האקול,** גאווערנער פון דער סטעיט ניו יארק, דורך די אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיר דורך דער קאנסטיטוציע פון דער סטעיט ניו יארק און אפטייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דער עקזעקיוטיווע געזעץ, דערקלער אצינד אז א דיזעסטער וועט פארקומען אט-אט אויף וועלכע אפעקטירטע לאקאלע רעגירונגען קענען זיך נישט אפרופן ווי עס נויטיגט זיך. דערפאר טוה איך איצט דערקלערן א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי אין קראפט אקטאבער 25, 2021 אינערהאלב די שטח גרעניצן פון די קאונטיס בראנקס, ברום, טשענאנגא, דעלעווער, גרין, קינגס, מאנטגאמערי, נעסאוי, ניו יארק, אראנדזש, אטסעגא, פוטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סקענעקטעדי, שאוהארי, סופאלק, סאליוועו, טיאגע, אולסטער, וועסטשעסטער, און באהאפטענע קאונטיס. דער דאזיגער עקזעקיוטיוו ארדער וועט זיין אין קראפט ביז נאך נאוועמבער 24, 2021; און

**ווייטער,** לויט טייל 29 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ, טוה איך פאראָרדענען דאס איינפירן פון דעם סטעיט אויספירליכע עמערדזשענסי מענעדזשמענט פלאן און אויטאריזיר, אנגעהויבן אקטאבער 25, 2021, פאר סטעיט אגענטורן לויט ווי עס נויטיגט זיך, און דער אמעריקאנער רויטער קרייץ, צו נעמען פאסיגע שריטן אפצוהיטן סטעיט אייגנטום און ארויסצוהעלפן אפעקטירטע ארטיגע רעגירונגען און אינדיווידועלן אין זיך אפרופן און זיך ערהוילן פון דעם דיזעסטער, און צוצושטעלן אנדערע הילף לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן אפצוהיטן פובליק געזונטהייט און זיכערהייט.

**אין צוגאב,** טוט דער דאזיגער דעקלעראציע צופרידנשטעלן די פארלאנגען פון 49 C.F.R 390.23(a)(l)(A), וועלכע באזארגט פארלייכטערונג פון טיילן 390 ביז 399 פון דער פעדעראלער מאטאר קעריער סעיפטי רעגולאציעס (FMCSR). אזעלכע פארלייכטערונג פון די FMCSR נויטיגט זיך צו פארזיכערן אז מאנשאפטן קענען אפרוימען נויטיגע שאסייען און פארשנעלערן דער באוועגונג פון יוטיליטי קראפט צוריקשטעל מאנשאפטן אין ניו יארק סטעיט.

ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און דער פארהאלטענער זיגל פון דעם סטעיט אין דער שטאט אלבאני דעם 25'סטן טאג אין אקטאבער אין דעם יאר צוויי טויזנט איין און צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער